# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................6:43
מוצאי שבת קודש............8:14

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............................דניאל ד'
בבלי.......................מנחות ס"ב
ירושלמי.......................גיטין נ"ג
תוספתא...............ביכורים א'
רמב"ם............עבודת כוכבים ד'


פרשת ויקהל פקודי, פרשת החודש, מברכים חודש ניסן, כ"ה אדר, שנת תשפ"ו לפ"ק — שנה 15, גליון 24 (742)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְעָשָׂה בְצַלְאֵל וְאָהֳלִיאָב וְכֹל אִישׁ חֲכַם לֵב, בְּצַלְאֵל אוּן אָהֳלִיאָב הָאבְּן צוּזַאמֶען גֶעמַאכְט דֶעם מִשְׁכָּן. רַשִׁ"י זָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט סְפֶּעצִיעֶל גֶענוּמֶען פוּן דִי צְוֵויי שְׁבָטִים, בְּצַלְאֵל פוּן שֵׁבֶט יְהוּדָה וָואס אִיז דִי חָשׁוּבְסְטֶע שֵׁבֶט, אוּן אָהֳלִיאָב פוּן שֵׁבֶט דָן וָואס אִיז אַ שְׁוַואכֶערֶע שֵׁבֶט, כְּדֵי צוּ וַוייזְן אַז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז יֶעדֶער אֵיינִיג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"ח) אַז דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִיק אִיז וֶוען פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶר זֵייעֶר הוֹיךְ, עֶר אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען עֶר זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּם שְׁוַואכְסְטְן אִיד אוּן אִים אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אִים וַוייזְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוֹיךְ לִיבּ, אוּן אַז עֶר קֶען אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ בּוֹיעֶן דֶעם מִשְׁכָּן וָואס בְּרֶענְגְט הַשְׁרָאַת הַשְׁכִינָה, אַז יֶעדֶער זָאל וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּעֶט צְוִוישְׁן אוּנְז, עֶר אִיז בַּיי אוּנְז, נֶעבְּן אוּנְז, אוּן מִיט אוּנְז, הָאט מֶען גֶעמוּזְט הָאבְּן דִי צְוֵויי זַאכְן, אַזֶעלְכֶע צַדִיקִים וָואס זֶענֶען פוּן אֵיין זַייט זֵייעֶר הוֹיךְ, זֵיי קֶענֶען וַוייזְן פַארְ'ן גְרֶעסְטְן צַדִיק אַז עֶר קֶען גֵיין נָאךְ הֶעכֶער, עֶר קֶען וֶוערְן נָאךְ גְרֶעסֶער, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען עֶר זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי שְׁוַואכְסְטֶע שְׁבָטִים, צוּם שְׁוַואכְסְטְן אִיד, אוּן אִים וַוייזְן אַז עֶר אִיז אוֹיךְ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט צוּ הֶערְן זַיין קוֹל.

אַ אִיד דַארְף זוּכְן אוּן גֵיין צוּ אַזַא צַדִיק וָואס קֶען אִין אִים אַרַיינְשַׁיינֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוֹיךְ לִיבּ, אוּן אַז עֶר קֶען אוֹיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיַקְהֵל ג)

**וַיְכַס הֶעָנָן אֶת אֹהֶל מוֹעֵד וּכְבוֹד ה' מָלֵא אֶת הַמִּשְׁכָּן**, אַ וָואלְקְן הָאט בַּאדֶעקְט דֶעם אֹהֶל מוֹעֵד, אוּן דִי מִשְׁכָּן אִיז פוּל גֶעוֶוען מִיטְ'ן כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קט"ו) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט דִי מִידַת הַדִין אוּן זָאגְט אַז מֶען דַארְף שְׁוֶוער מַאכְן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל וואוּ אִיז עֶר גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט? פַארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז יֶעצְט? דֶערְפַאר מוּז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְטֶער שְׁטֶעלְן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ מְנִיעוֹת, שְׁטֶערוּנְגֶען, אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט גֵיין אַזוֹי גְרִינְג. אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דָאךְ יָא אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אוּן דֶערְפַאר בַּאהַאלְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס אוּנְטֶער דִי שְׁטֶערוּנְגֶען, אַז אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס אֶמֶת'דִיג, קֶען עֶר צוּבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וַיְכַס הֶעָנָן אֶת אֹהֶל מוֹעֵד**, אַ וָואלְקְן הָאט בַּאדֶעקְט דֶעם מִשְׁכָּן, דִי מִשְׁכָּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּעֶט דָארְט, וֶוען מֶען ווִיל דָארְט אָנְקוּמֶען וֶוערְט עֶס בַּאדֶעקְט מִיט אַ וָואלְקְן, עֶס זֶעט אוֹיס שְׁוַוארְץ אוּן טוּנְקֶל, מֶען דַארְף אָבֶער גֶעדֶענְקֶען, אַז **וּכְבוֹד ה' מָלֵא אֶת הַמִּשְׁכָּן**, אַז בֶּאֱמֶת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין דָארְט, עֶר וַוארְט פַאר יֶעדְן אִיד, אוּן נֶעמְט צוּרִיק יֶעדְן אִיד.

(זֹאת הַתּוֹרָה פְּקוּדֵי ג')

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ

דִי וָואךְ שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ - וֶוען מֶען בֶּענְטְשְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פּוֹעֶלְ'ן יְשׁוּעוֹת אִין אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף. מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶונֶען (יוֹצְרוֹת פוּן מוּסָף): "הַחוֹדֶשׁ אֲשֶׁר יְשׁוּעוֹת בּוֹ מַקִיפוֹת", צַדִיקִים טַייטְשְׁן: 'מַקִיפוֹת' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן (אָבוֹת ג, ב): 'הַחֶנְוָנִי מַקִיף', אַ לָשׁוֹן פוּן בָּארְגְן, מֶען בָּארְגְט אוֹיס אִין דֶעם חוֹדֶשׁ יְשׁוּעוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם; אֲפִילוּ דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין זְכוּתִים קֶען אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף בָּארְג אַ יְשׁוּעָה.

אוֹיךְ קֶען מֶען אוֹיסְבָּארְגְן שִׂמְחָה פוּן שְׁפֶּעטֶער, אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט גָארְנִישְׁט, מֶען לִיגְט אִין חוֹבוֹת, מֶען וַוארְט אוֹיף יְשׁוּעוֹת - קֶען מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיף בָּארְג. אַזוֹי וִוי ר' אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשֶׁער, אַן אָרֶעמַאן; עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטוּבּ מִיט פִיר לֵיידִיגֶע וֶוענְט, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אִין שְׁטוּבּ, אוּן אַלְץ אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען; וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וִוי הָאסְטוּ דִי כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, הָאסְט דָאךְ

<<<<<<

## א גוט ווארט

וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת? דוּרְךְ תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת, דוּרְךְ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז גֶעווֹאוֹינְט צוּ רֶעדְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כה): "הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל", דָאס שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, עֶס אִיז הֶעכֶער אַלֶעס.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ טוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, גֵיי אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ וִויל נִישְׁט טוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי אִיךְ בִּין גֶעבִּינְדְן אִין תְּפִיסָה בַּיי דִי טוּמְאָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיינֶע תַּאֲווֹת רָעוֹת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל דִיךְ דִינֶען, אִיךְ זָאל נָאר טוּן דַיין וִוילְן"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת; וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיַקְהֵל פְּקוּדֵי תשפ"ו)



דער מולד וועט זיין: מיטוואך נאכמיטאג 34 מינוט און 13 חלקים נאך 4 | ראש חודש ניסן יהיה ביום החמישי

**אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א**

# פַּארְגֶעס דִי עֲבֵירוֹת, פְרֵיי זִיךְ מִיט מִצְוֹת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט"ז אָדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט גֶעפַאלְן אִין דִי טִיפֶע אָפְּגְרוּנְד, דוּ גֶעפִינְסְט זִיךְ אִין שָׁאוֹל תַּחְתִּית רַחֲמָנָא לִצְלָן, פוּן וָואס דוּ הָאסְט אַלְץ עוֹבֵר גֶעוֶועןְ, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פוּן דִי רֶגַע אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן פוּן דִי אַלֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט עוֹבֵר גֶעוֶוען, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ אָנְהֵייבְּן מְחַיֶה זַיין מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טוּן; מִיט דַיין צִיצִית, תְּפִילִין, תּוֹרָה, תְּפִלָּה, צְדָקָה, שַׁבָּת וְכוּ' אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם – קֶענְסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת וֶועט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן צוּ זְכוּתִים, אוּן דוּ וֶועסְט אַרוֹיפְגֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, בִּיז דוּ וֶועסְט נִכְלָל וֶוערְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם וֶועט נִישְׁט צוּלָאזְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ אָנְהֵייבְּן פְרֵייעֶן, עֶר וֶועט קוּמֶען צוּ דִיר מִיט אַ פַּארְשְׁטֶעלַאכְץ, עֶר וֶועט דִיר זָאגְן: 'טַאקֶע, דוּרְךְ שִׂמְחָה קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ גָאר הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת, אָבֶּער דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט דִיר, וַוייל דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַ פַּארְטִיגֶער, דִיר הֶעלְפְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט'; זָאלְסְטוּ וִויסְן לִיבֶּער בְּרוּדֶער אַז דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל אוֹיךְ דוּ קֶענְסְט נָאךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע טוּמְאוֹת אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק; בַּאנֵיי זִיךְ, הֵייבּ אָן פוּן דִי רֶגַע זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעטוּן.

לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְנַארְן פוּנֶעם סַמַ"ךְ מֶ"ם, וִויסְן זָאלְסְטוּ עֶר הָאט אַפָּאר וֶועגְן וִוי אַזוֹי עֶר קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ, אַמָאל קוּמְט עֶר צוּם מֶענְטְשׁ מִיט אַ פַּארְשְׁטֶעלַאכְץ, עֶר פַּארְשְׁטֶעלְט זִיךְ מִיט מִצְוֹות, עֶר קוּמְט מִיט אַ פְרוּמֶע פָּנִים, כְּאִילוּ עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה צוּ זַיין דֶערְבִּיטֶערְט אוּן צֶעקְלַאפְּט, אוּן אַזוֹי וַוארְפְט עֶר אַרַיין דֶעם אִיד אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, דוּרְךְ עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה; בְּרוּדֶער אַנְטְלוֹיף פוּן דִי מְרִירוּת, הֵייבּ זִיךְ אָן צוּ פְרֵייעֶן מִיט דַיינֶע גוּטֶע זַאכְן – וֶועסְטוּ אַרַיינְגֵיין אִין דִי קְדוּשָּׁה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תִשָּׂא תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

יג. חַיָּבֵי כְּרִיתוּת שֶׁלָּקוּ, נִפְטְרוּ מִידֵי כְּרִיתָתָן. אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען מְחוּיָּב צוּ בַּאקוּמֶען דִי שְׁטְרָאף פוּן כָּרֵת, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעשְׁלָאגְן מַלְקוּת, וֶוערְט עֶר פָּטוּר פוּן דִי עוֹנֶשׁ פוּן כָּרֵת.

יד. כְּשֶׁבָּא צַעַר לָעוֹלָם, יַחְשֹׁב שֶׁבִּשְׁבִיל חֶטְאוֹ בָּא זֹאת הַצָּרָה. וֶוען עֶס קֶען אַ צַעַר אוֹיף דֶער וֶועלְט, זָאל יֶעדֶער טְרַאכְטְן אַז דִי צָרָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּלִיבּ זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

גָארְנִישְׁט?!" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ גְלֵייבּ אַז אֵיין טָאג וֶועט נָאר זַיין גוּט, דֶעמָאלְט וֶועט דִי שִׂמְחָה זַיין בִּשְׁלֵימוּת, בָּארְג אִיךְ אוֹיס שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְט אוֹיף יֶעצְט".

עַל כֵּן טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חַבֵר, זַיי פְרֵיילִיךְ, בָּארְג אוֹיס שִׂמְחָה, זוּךְ אוֹיף דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זוּךְ אוֹיף אִין דִי עֶנְגְשַׁאפְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט בְּרֵייט אוּן דַאנְק אִים אוּן לוֹיבּ אִים; וַוייל וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ נֶענְטֶער וֶוערְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ הַאלְטְן אִין אֵיין מְחַדֵשׁ זַיין, פוּנְדָאסְנֵיי אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שְׁבָחֵי הָרַ"ן סִימָן ה-ו), אַז בַּיי אִים אִיז שְׁטֶענְדִיג אַזוֹי גֶעוֶוען, עֶר הָאט זִיךְ אַלְץ בַּאנֵייט, אוּן אוֹיךְ אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן - הָאט עֶר זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי", כְּאִילוּ עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה; "וְכֵן בְּכָל פַּעַם וּפַעַם, תָּמִיד הָיָה רָגִיל לְהַתְחִיל מֵחָדָשׁ", אַזוֹי פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי אַלְץ אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, "וְהָיָה לוֹ כַּמָה הַתְחָלוֹת בְּיוֹם אֶחָד", אִין אֵיין טָאג הָאט עֶר אַפָּאר מָאל נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, "שֶׁגַּם בְּיוֹם אֶחָד לִפְעָמִים נָפַל מֵעֲבוֹדָתוֹ וְהָיָה מַתְחִיל מֵחָדָשׁ וְכֵן כַּמָה פְּעָמִים בְּיוֹם אֶחָד", אֲפִילוּ אִין אֵיין טָאג אַלֵיינְס הָאט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייט; דָאס אִיז דִי אִידִישֶׁע וֶועג, דָאס אִיז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אַזוֹיפִיל גוּטְס מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אוּן אַנְשְׁטָאט קְרֶעכְצְן אוּן זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוֹיף וָואס עֶס פֶעלְט - דַארְף מֶען עוֹסֵק זַיין אִין דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ מֶער יְשׁוּעוֹת קוּמְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ. מוֹהֲרַנַ"ת זָאגְט: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט מֶען אִין הִימְל: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען גֶעבְּט אִים גוּטְס אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אָפּ, לָאמִיר אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְט', אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט מֶען אִין הִימְל: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקְבַּאר, לָאמִיר אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט גוּט', אוּן מֶען גֶעבְּט אִים אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "אֵצֶל הָעוֹלָם הַשִּׁכְחָה הִיא חִסָּרוֹן גָּדוֹל בְּעֵינֵיהֶם", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָרוֹן, "אֲבָל בְּעֵינַי יֵשׁ בְּהַשִּׁכְחָה מַעֲלָה גְּדוֹלָה", אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, "כִּי אִם לֹא הָיְתָה שִׁכְחָה, לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת שׁוּם דָּבָר בַּעֲבוֹדַת ה'", וַוייל וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען שִׁכְחָה - וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן דִי דוּרְכְפֶעלֶער אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז דוּרְךְ, אוּן דָאס וָואלְט גֶעמַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וֶועלְן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי. קוּק נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, אַז מֶען קוּקְט אוֹיף צוּרִיק וֶוערְט מֶען צֶעדְרִיקְט, קוּק אוֹיף הַיינְט, טְרַאכְט 'וָואס קֶען אִיךְ הַיינְט טוּן צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן?' וַוייל אִין דֶעם לִיגְט דִי הַצְלָחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רעב), אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז): "'הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ', "זֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, שֶׁלֹּא יָשִׂים לְנֶגֶד עֵינָיו כִּי אִם אוֹתוֹ הַיּוֹם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל אָנְהֵייבְּן עֶפֶּעס צוּ טוּן - סַיי בְּרוּחְנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת - דַארְף עֶר גֶעדֶענְקֶען דֶעם כְּלַל: צוּ קוּקְן נָאר אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג; וַוייל וֶוען מֶען וִויל אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַאכְט זִיךְ פַארְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר נֶעמְט אוֹיף זִיךְ אַ שְׁוֶוערֶע לַאסְט, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טְרַאכְטְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי עֲבוֹדָה, אָבֶּער אַז מֶען טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג - אִיז עֶס בִּכְלַל נִישְׁט שְׁוֶוער; מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי: "הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ", 'הַיּוֹם' דַּיְקָא, וְהָבֵן, עַיֵּין שָׁם.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי תשפ"ו)

# דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רמג)

**תשצז**

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן דֶעם שְׁפַּאצִיר, הָאט עֶר זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט יֶענֶע נַאכְט אַז אַזוֹי וִוי עֶר הָאט הַיינְט גֶערֶעדְט פוּן רְפוּאוֹת, אוּן אַ רְפוּאָה קֶען קוּמֶען נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט "כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ" (שְׁמוֹת ט"ו, כ"ו), אוּן מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דָארְט, "וֶוער זָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דָאס?", אוּן אֵיינֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, אָדֶער רֶבִּי נָתָן אָדֶער ר' נַפְתָּלִי, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זָאגְן וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען, אַז דִי וֶוערְטֶער "כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ" וַוייזְן דָאךְ דָאס, וַוייל עֶס אִיז דִי זֶעלְבֶּע רָאשֵׁי תֵּיבוֹת וִוי "אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן" (זֶע אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מ"ב).

**תשצח**

שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר עֶטְלִיכֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיבֶּערְצוּשְׁרַייבְּן צֶעטְלֶעךְ פוּן זַיין הֵיילִיגְן כְּתַב יַד, וָואס אִיז גֶעוֶוען דָארְט גֶעשְׁרִיבְּן חֲלָקִים פוּנֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּנֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר הַמִּדּוֹת.

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז עֶס נִישְׁט גֶעוֶוען אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן לוֹיטְן סֵדֶר פוּן א–ב, נָאר וֶוען עֶר הָאט מַשִּׂיג גֶעוֶוען וָואס עֶר הָאט מַשִּׂיג גֶעוֶוען הָאט עֶר עֶס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אֵיין זַאךְ נָאכְ'ן אַנְדֶערְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז זֵיי זָאלְן עֶס אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן אוּן עֶס מְסַדֵּר זַיין לוֹיטְ'ן סֵדֶר פוּן א–ב.

רֶבִּי נָתָן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דֶעמָאלְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אָבֶּער אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן עֶס נָאכְדֶעם אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי נָתָן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים צוּגֶעגֶעבְּן נָאךְ צֶעטְלֶעךְ פוּן זַיין כְּתַב יַד וָואס בַּאלַאנְגֶען צוּם צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּן סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוּן עֶר הָאט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן אוּן שֵׁיין מְסַדֵּר גֶעוֶוען. דֶער רֶבִּי הָאט עֶס נָאכְדֶעם אִיבֶּערְגֶעקוּקְט אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר הַנָּאָה גֶעהַאט וִוי שֵׁיין עֶס אִיז מְסוּדָּר.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּן סֵפֶר הַמִּדּוֹת, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס שְׁטֵייט דָארְט אִיז גָאר גָאר הוֹיכֶע הַשָּׂגוֹת.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# פַאְרְוָואס ווִיל נִישְׁט דִי כַּלָּה זִיךְ אָפְּשֶׁערְן?



*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מַיין טָאכְטֶער אִיז אַ כַּלָּה בָּרוּךְ ה', אוּן זִי וֵויינְט אַז זִי ווִיל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה.

בַּיי אוּנְז הָאט מֶען גֶעוואוּסְט אַז דָאס אִיז גָאר הַארְבּ, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אָבֶּער זִי טַעֲנָה'ט אַז דֶער עִיקָּר אִיז נָאר אַז דִי הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען, אוּן אוֹיךְ אַז עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ פְרוֹיעֶן וָואס שֶׁערְן זִיךְ נִישְׁט, אַרַיינְגֶערֶעכְנְט פוּן אִירֶע חַבְרְ'טֶעס, כָאטְשׁ וָואס זֵיי זֶענֶען אַלֶע הֵיימִישֶׁע עֶרְלִיכֶע אִידְן.

וָואס טוּט מֶען דָא? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְחַזֵּק זַיין מַיין טָאכְטֶער אַז זִי זָאל זִיךְ יָא אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט' אָדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ שָׁאד מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ דִי לֶעצְטֶע מִינוּט וֶוען דִי טָאכְטֶער אִיז שׁוֹין אַ כַּלָּה צוּ רֶעדְן צוּ אִיר פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, דָאס וָואלְט מֶען שׁוֹין גֶעדַארְפְט טוּן וֶוען מֶען אִיז נָאךְ יוּנְג, סַיי אִין סְקוּל אוּן סַיי אִין שְׁטוּבּ; דֶער טַאטֶע בַּיים שַׁבָּת טִישׁ דַארְף גֶעדֶענְקֶען צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי קִינְדֶער פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן צַדִּיקִים, זֵיי דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים וִוי זֵיי הָאבְּן צוּגֶעזָאגְט יְשׁוּעוֹת פַאר פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קִינְדֶער, אוּן רְפוּאוֹת פַאר פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען קְרַאנְק - אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ פָארְנֶעמֶען אָפְּצוּשְׁנַיידְן דִי הָאר אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט.

בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ הָאבְּן מִיר גֶעהֶערְט פוּן דִי עֶלְטֶערְן אַלְס קִינְד אָן אַ שִׁיעוּר מָאל דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶער הֵיילִיגֶער דִּבְרֵי חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶע'חַלְשְׁ'ט וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז זַיין טָאכְטֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעשׁוֹירְן אִיר הָאר נָאךְ אִיר חֲתוּנָה; וִויפִיל מֶען הָאט אִים פְּרוּבִּירְט צוּ דֶערְוֶועקְן הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְוֶועקְט, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז זִי גֵייט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן נָאכְדֶעם וָואס זִי פָּארְט צוּ אַ צְוֵוייטֶע לַאנְד, וַוייל דָארְט וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעוואוֹינְט הָאט מֶען נִישְׁט גֶעטָארְט חֲתוּנָה הָאבְּן, הָאבְּן זֵיי גֶעטְרַאכְט אַז מֶען וֶועט מַאכְן דִי חֲתוּנָה שְׁטִילֶערְהֵייט אוּן דִי כַּלָּה וֶועט זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֶׁערְן אִיר הָאר בִּיז זִי פָּארְט אַוֶועק צוּ אַ צְוֵוייטֶע לַאנְד, אָבֶּער דֶער צַאנְזֶער רָב הָאט זִיךְ פוּן דֶעם אוֹיךְ נִישְׁט דֶערְוֶועקְט.

לְמַעֲשֶׂה וֶוען דִי כַּלָּה הָאט גֶעזֶען וִוי אִיר טַאטֶע דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶערְוֶועקְט זִיךְ נִישְׁט אִיז זִי אַרַיין אִין אַ צִימֶער אוּן זִיךְ אַלֵיין אָפְּגֶעשׁוֹירְן אִיר הָאר, זִי הָאט גֶענוּמֶען אִיר הָאר אוּן דָאס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אִיר טַאטֶע'ס הֶענְט אוּן גֶעזָאגְט: "טַאטֶע, אִיךְ הָאבּ מִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן", הֶערְנְדִיג דָאס הָאט עֶר זִיךְ גְלַייךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם בַּאוואוּסְטְזַיין; וַוייל דִי צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזֶען וָואס פַאר אַ צָרוֹת דָאס בְּרֶענְגְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, אִיז פוּן גְרוֹיס שְׁרֶעק הָאט עֶר גֶע'חַלְשְׁ'ט.

דֶערְצֵייל אִיר דִי מַעֲשֶׂה אַז אֵיידֶער דִי דֵייטְשֶׁע רוֹצְחִים זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין אוּנְגַארְן אִין אוּהֶעל הָאט דֶער אוּהֶעלֶער רָב צַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע פְרוֹיעֶן אוּן זֵיי גֶעזָאגְט: "טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן, וִוי עֶס זֶעט אוֹיס בִּיז אַ טָאג קוּמֶען דִי דֵייטְשֶׁע וֶועלְף אוּנְז אַלֶע הַרְגְ'עֶנֶען, אִיךְ זָאג עֶנְק צוּ, אַלֶע פְרוֹיעֶן וָואס וֶועלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן נָאךְ הַיינְט נַאכְט בַּיי דִי רֶעבֶּעצִין וֶועלְן בְּלַייבְּן לֶעבְּן אוּן אִיבֶּערְלָאזְן דוֹרוֹת, אוּן אַז נִישְׁט - ווִיל אִיךְ נִישְׁט זָאגְן וָואס וֶועט זַיין", אוּן דִי תְּמִימוּת'דִיגֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען אַלֶע גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּ דִי רֶעבֶּעצִין, אוּן דִי אַלֶע זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן אוּן אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט דִי קְרִיג.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אַ שָׁאד אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אִין סְקוּלְ'ס מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ דִי זַאכְן, אַ שָׁאד מֶען הָאט פַארְגֶעסְן פַארְוָואס מֶען הָאט בִּכְלַל גֶעעֶפֶנְט מֵיידְל סְקוּלְס, בָּרוּךְ הַשֵּׁם בַּיי אוּנְז אִין בֵּית פֵיגָא אִיז דָאס פוּן דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע לִימּוּדִים, דִי לֶערֶערִינְס רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן פָּאלְגְן צַדִּיקִים, זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר,

<<<<<<

אוֹיךְ אִיז דָא הֶערְלִיכֶע נִיגוּנִים וָואס מֶען זִינְגְט מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ אִין סְקוּלְס פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר. בַּיי אוּנְז אִיז פַארְקֶערְט, מִיר הָאבְּן קִינְדֶער וָואס דִי מַאמֶעס שֶׁערְן זִיךְ נִישְׁט אוּן דִי מֵיידְלֶעךְ רֶעדְן מִיט דִי טִיטְשֶׁערְס אוּן מִיט דִי מְנַהֶלֶת וָואס זֵיי קֶענֶען טוּן אַז זֵייעֶר מַאמֶע זָאגְט זֵיי אַז זֵיי מוּזְן גֵיין מִיט דִי מְסוֹרָה, בְּלַייבְּן מִיט דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אָבֶער דִי מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן גֶעהֶערְט אַזוֹיפִיל הֵיילִיגֶע דְרָשׁוֹת פוּן פָאלְגְן דִי זוֹהַר וָואס זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): "'תּוּנְבָא לֵיתֵי' אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ' אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ' וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען, 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינּוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ', אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְּרוּי; זָאגְט וַוייטֶער דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: 'וְאִתְּתָא דַּאֲפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אוּן אַ פְּרוּי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ' זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא' אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא' אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא' אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז דֶער סַמ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ. זָאגְט וַוייטֶער דֶער זוֹהַר: 'מַאן גָּרִים דָּא' וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחַזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר' דִי פְּרוּי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס.

יֶעצְט וֶוען מֶען הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט שְׁפֶּעט, אִיז נָאר דָא אֵיין זַאךְ, רֶעדְן פוּן דִי שֵׁיינְקֵייט אוּן גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשפ"ו)

# פרייליכע ימי הפורים ביים ראש ישיבה שליט"א

גאר א געשמאקע און פרייליכע יום טוב פורים איז אריבער אויף גאנץ כלל ישראל, אויף אלע אנשי שלומינו בכל קצוי תבל, און ספעציעל ביים ראש ישיבה שליט"א. פילע אנשי שלומינו זענען אריינגעקומען קיין וויליאמסבורג מיטצוהאלטן קריאת המגילה, סעודת פורים, און שושן פורים.

תענית אסתר נאכמיטאג איז דער ראש ישיבה שליט"א אריינגעקומען צו מנחה, דערנאך האט מען געגעבן מחצית השקל ווי דער מנהג איז, דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א הערליך געליינט די מגילה, מיט געשמאק און התעוררות און שמחה, דער ראש ישיבה שליט"א האט געדרוקט ביי עטליכע פסוקים, פון וואס מען האט געקענט פארשטיין די טייטש דערפון, אז די מגילה איז נישט נאר א מעשה וואס האט פאסירט אמאל, נאר עס איז א מעשה וואס גייט אריבער אויף יעדן איד, ווי דער שלעכטער המן, דער יצר הרע מיט זיינע שותפים, ווילן נאר אפ'הרג'ענען יעדן איד, און די צדיקים ראטעווען די אידישע קינדער, זיי ברענגען אריין א שמחה און א חיות אין יעדן איד, אז ער האט נאכאלץ א האפענונג צוריק צו קומען צום אייבערשטן, צו האבן א ליכטיגע און געשמאקע לעבן ברוחניות ובגשמיות.

פורים אינדערפרי האט זיך אנגעזען א שיין בילד אין בית המדרש, ווען אנשי שלומינו זענען אויפגעשטאנען פרי און יעדער האט געלערנט זיינע טעגליכע שיעורים, געזאגט תהלים, זיך אויסגעבעטן ביים אייבערשטן אין אזא געהויבענעם טאג. מען האט געדאווענט שחרית און דער ראש ישיבה שליט"א האט ווידער געליינט די מגילה מיט אזויפיל הארץ און געהויבנקייט, וואס האט איבערגענומען אלע אנוועזנדע.

נאך שחרית האט דער ראש ישיבה שליט"א אויסגערופן אז מען זאל נאכנישט לויפן ווייטער, נאר מען זאל זאגן אינאיינעם די תיקון הכללי, אזוי ווי עס איז איינגעפירט צו זאגן יעדן טאג נאכ'ן דאווענען, און ספעציעל אין אזא געהויבענעם טאג פון פורים. און דערנאך האבן פילע אנשי שלומינו געגעבן משלוח מנות און מתנות לאביונים.

נאכמיטאג האט מען געדאווענט מנחה, און דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געפירט די סעודת פורים אין בית המדרש, וואו דער ראש ישיבה שליט"א האט אויפגענומען אנשי שלומינו.

שפעטער האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ וואס האט אנגעהאלטן ביז אין די שפעטע שעות, מען האט געזינגען און געטאנצן אויף דעם ניגון, "הייליגער באשעפער, איך הייב אן פון יעצט. אפילו איך ווייס איך בין געווען נישט גוט, ווייס איך אז איך קען נאכאלץ זיין גוט. הייליגער באשעפער, הייליגער באשעפער, איך הייב אן פון יעצט".

אום שושן פורים נאכמיטאג איז מען זיך צוזאמגעקומען צו א סעודה אין ישיבה, דער ראש ישיבה שליט"א האט ארומגערעדט איבער די גרויסקייט פון דעם טאג, מיט פילע התחזקות און און הדרכה, צווישן אנדערע האט דער ראש ישיבה שליט"א ארויסגעברענגט וואס דער הייליגער רבי האט געזאגט "שושן פורים איז אויך פורים", דאס הייסט אז סיי וואו א מענטש האלט נאר אויף דער וועלט, נישט קיין חילוק וואס ער איז אלץ דורכגעגאנגען ביז יעצט, קען ער אלץ אנהויבן פון דאס ניי, אפילו דער פורים איז נישט געווען ווי עס דארף צו זיין, קען מען אויך אנהויבן פון פריש אום שושן פורים, און אזוי ווייטער קען מען יעדן טאג אנהויבן פון ניי, אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש אז אין איין רגע קען א מענטש אנקומען צו די העכסטע און בעסטע מדריגות, אז א איד איז זוכה און ער נעמט ערנסט די עצות און לימודים פון הייליגן רבי'ן, און ספעציעל די עצה זיך אויסצורעדן דאס הארץ פאר'ן אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, יעדן טאג פאר אפאר מינוט, קען א איד זוכה זיין צו ווערן אן אמת'ער ערליכער איד. מען קען הערן דעם גאנצן שיעור אויפ'ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליניע.

דערנאך האט מען געבענטשט און געדאווענט מעריב, און דאן איז פארגעקומען גאר אן אינהאלטסרייכע הערליכע שפיל, געשפילט דורך די טאלאנטפולע אינגעלייט, די חשובע מלמדים, וואס האבן אויפגעשפילט א שיינע מעשה וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט, באגלייט מיט פרייליכע, לאכעדיגע, און ערנסטע מאמענטן, וואס האט ארויסגעברענגט גאר א שטארקער מוסר השכל, פון איין זייט אז מען זאל זיך נישט לאזן פארנארן אויף דער וועלט, און פון די אנדערע זייט ווי אזוי מען קען אלץ אנהויבן פון פריש אפילו מען האט זיך שוין געלאזט נארן ביז אהער. די באטייליגטע האבן גאר שטארק הנאה געהאט פון דעם הערליכן שפיל וואס איז געווארן אראפגעלייגט זייער פאכמאניש און געשמאק.

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אלי' זעלקאוויטש** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **יואל חלבי** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **וואלף זעלקאוויטש** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **יוסף קורץ** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **יעקב לעזער** שליט"א קרית ברסלב
צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב
החתן **אברהם לעזער** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **עזרא בוים** הי"ו קרית ברסלב

---

מו"ה **שלמה טעסלער** שליט"א בית שמש
מגיד שיעור בישיבת היכל הקודש ירושלים עיה"ק
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **בעריש קרויס** הי"ו ירושלים עיה"ק
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **נפתלי יאקאבאוויטש** הי"ו בית שמש
צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב
החתן **ישראל יאקאבאוויטש** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **יעקב אבעלעס** הי"ו אלעד


## שואלין ודורשין

שיעורים, דרשות, הלכה, הגדה, שיר השירים, זיך צוצוגרייטן צום הייליגן און פרייליכן יום טוב פסח,
וואס שטייט שוין הונטערן טיר

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 6**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >